
ERSHTER MAY





NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG



MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:


Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center



The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

ערשטער מאי

צוזאמענגעשטעלט פון א לערער-קאמיטע



פארלאג:
אינטערנאציאנאלער ארבעטער-ארדן
32 יוניאן סקווער, ניו יארק
1931



אינהאַלט:

פרייז 10 סענט

ערשטער מאַי

זאָל לעבן דער הימן פון אַרבעט—
דער ערשטער, דער ליכטיקער מאַי,
די זון פונם קינפטיקן לעבן
זאָל פלאַטערן אייביק און טריי.
אַ לאָז טאָן מיר וועלן זיך פרייען
ווי פויגלען אַף בלוי און אַף ברעג,
מיר וועלן זיך אַלע באַפרייען
פון פיין און פון קנעכטשאַפט אַף ערד.
מיר וועלן פאַרלעשן די סינע
פון פעלקערשע פיינטשאַפט אַף וועלט!
אין שטאָט פון זיגערשע פאָנען
מיר זיינען פון סוינע פאַרשטעלט.
זאָל לעבן דער יאָנטעוו פון פרייהייט,
דער ערשטער דער ליכטיקער מאַי;
זאָל ברודערשאַפט העל זיך צעשיינען
און פלאַטערן אייביק און פריי.

עסטער טראָגט די פאָן

(אַ מייסע פון מאַי 1930 אין ניו יאָרק)

פון אייזיק פלאַטנער

דער קינדער־קלוב מיט דער פּיאָנערן־אָפּטיילונג האָבן זיך געגרייט צו דער מאַי־דעמאָנסטראַציע. די אַרבעט איז געטאָן געוואָרן מיט אַ פּלאַן: יעדע וואָך האָט מען געמאַכט אַ פאַרזאַמלונג, אויסגעהערט באַריכטן פון יעדן איינעמס אַרבעט, פּאַרזיכטיק, מען זאָל כּאָלילע ניט פאַרגעסן עפּעס. מען האָט געדרוקט ליפלעטס, פּלאַקאַטן, געקלעפּט „סטיקערס״, געשריבן קאָמפּאָזיציעס, אַגיטירט, דיסקוטירט, געגרייט אַ פאָן א. אז. וו.

עסטער האָט זיך באַטייליקט אין דער אַרבעט. זי איז איינמאָל אַוועק מיט אַן עלטערער כאַווערטע פאַרטיילן ליפלעטס, האָט מען די כאַווערטע אַרעסטירט. עסטערן האָט דער פּאָליציאַנט אָפּגעלאָזן, געהייסן גיין אַהיים, נאָר פאַרשריבן איר נאָמען און נומער פון פּ. ס. עסטער איז אָנגעצונדן געוואָרן, זי האָט געוואָלט שרייען, שלאָגן מיט די פויסטן, זי האָט אָבער גאָרניט געקענט רעדן פון קאַס. צומאָרגנס האָט איר די פּ. ס. לערערקע געשטראָפט,

— עסטער, — האָט זי צו איר געזאָגט מיט אַזעלכע איידעלע רייד, — עסטער, יו אַר ע קאַמיוניסט

האָט עסטער אַ קלאַפּ געטאָן מיטן פוס, אירע אויגן האָבן זיך צעגליט מיט גרינע פייערלאַך. זי האָט זיך אויסגעגליכט, אויסגעשטעלט און אַריינגעזאָגט דער לערערקע גלייך אין פּאָנים אַריין:

— יעס, אי עם ע קאַמיוניסט!

:: :: ::

עסטער האָט געפלאַמט, געפיבערט, זאָל שוין דער ערשטער מאַי קומען וואָס שנעלער. זי האָט אַלעמען דערציילט וועגן דער לעצטער פּאַסירונג אין פּ. ס. זי האָט זיך גאָר ניט געקענט באַרואיקן—פאַרוואָס זאָל מען ניט טאָרן זיין קיין קאָמוניסט? איצט זע איך שוין, ווי מען האָט מיך ביז איצט גענאַרט, ווייל איך בין אַן אַרבעטער־קינד אַ פּיאָנער, טאָר איך ניט גאָרניט. וואָלט איך געווען אַ „גוירל סקאַוט״ אָדער אַ קאַפּיטאַליסטיש קינד, וואָלטן אַלע פּאַרקס פאַר מיר געווען אָפן און פריי, וואָלט איך שוין אַלץ געמעגט, „יעס, אי נאָו״.

:: :: ::

עס איז פאָרגעקומען אַן „אָפּען־עיר״ מיטינג נעבן דער פּ. ס. עסטער האָט גערעדט. זי האָט דערציילט פאַר די פאַרזאַמלטע וואָס מיט איר האָט פּאַסירט. דאָס מאָל האָט שוין עסטער געהאַט אַ סאַך וואָס צו דערציילן. זי האָט פיל זאַכן אין דער קורצער צייט געלערנט. עסטער האָט שוין איצט געוואוסט, אַז דעם ערשטן מאַי דעמאָנסטרירט מען קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, וואָס האָט אַלע אַרבעטער פאַרשקלאַפט, פאַר אַרבעטלאָזיקייט־אינשורענס, אַז מען פּראָטעסטירט קעגן די קאַפּיטאַליסטישע מערדער, וואָס האָבן אַזוי פיל אַרבעטער אומגעבראַכט.

באַנאַכט האָבן די כעווערע די גאַנצע געגנט אַרום פּ. ס., די ווענט פון פּ. ס. מיט ליפלעטס באַקלעפּט. עסטער האָט אין יעדער הויז אין בריוו־קעסטלעך ליפלעטס אַריינגעלייגט. מען איז אַהיימגעגאַנגען מיט געזאַנג, די לידער האָבן די גאַסן פאַרקלונגען.

— אַ גוטע נאַכט, כאַווירים, מאָרגן, מאָרגן איז דער ערשטער מאַי.

אַ גוטע נאַכט.

:: :: ::

די זון שיינט. עס איז היים. דער טאָג פון ערשטן מאַי הויבט זיך אָן פייערדיק. אַרום דער פּ. ס. שטייען פּאָליציאַנטן, קאָן מען גאָר נאָענט ניט צוגיין. האָבן זיך די כעוורע צעשטעלט אַף אַלע אַרומיקע גאַסן, וואָס פירן צו דער פּ. ס. אַלע קינדער וואָס קומען אָן גייען זיי די פּיאָנערן אַנטקעגן, רופן זיי צו דער דעמאָנסטראַציע. אַלע וועגן אַרום דער פּ. ס. זיינען מיט פּיאָנערן פאַרשטעלט. קיינער קאָן ניט פאַרבייגיין ער זאָל די פּלאַקאַטן און ליפלעטס ניט לייענען.

„אַרויס פון פּאָבליק סקול דעם ערשטן מאַי".

„סטרייקט, דעמאָנסטרירט דעם ערשטן מאַי".

„דער ערשטער מאַי איז אַן אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־טאָג".

„אַלע צו דער דעמאָנסטראַציע אַף יוניאָן סקווער".

פּאָליציי טרייבט אַוועק פון איין פּלאַץ. גייען כעוורע אַף אַנדערע פּלעצער. פּאָליציי וויל בא איינעם דעם פּלאַקאַט אַרויסרייסן. אַלע לויפן צו, מאַכן אַ טומל. די פּאָליציאַנטן פאַרלירן זיך. די גאַס איז פול מיט קינדער. דערוואַקסענע קומען אָן. עס ווערט אַ מיטינג, אַ פּיאָנער שטייט אַף אַ קעסטל, רעדט, רופט. עסטער האַלט אַ רויטע פאָן, פאָכעט מיט איר אין אַלע זייטן. עס קומען אָן פיל עלטערע כאַווירים און כאַווערטעס. צוזאַמען לאָזט מען זיך מיט געזאַנג צו דער נאָענסטער סאָבוויי־סטאַנציע אַוועק, צו דער מאַי־דעמאָנסטראַציע.

:: :: ::

אַף יוניאָן סקווער האָט מען ניט געלאָזט די אַרבעטער זיך צענויפ־קומען. די שטאָט־רעגירונג האָט דעם סקווער ביז 2 אַזייגער נאָכמי־טאָג אָפּגעגעבן צו די פּאַטריאָטן, אַ קעגן־דעמאָנסטראַציע איינצואָרדע־נען. האָבן זיך אַלע אַרבעטער אַף ראַטגערס סקווער פאַרזאַמלט, קעדיי פון דאָרטן צו מאַרשירן צו יוניאָן סקווער.

דער פּלאַץ איז קליין. שטייען די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין די זייטיקע גאַסן. אַף אַלע דעכער פון די אַרומיקע הייזער שטייען מענטשן און קוקן. טויזנטער פּלאַקאַטן שוועבן אין דער לופטן, טויזנטער אויסגעשרייען הערט מען פון די אַרבעטער־גרופּן, וואָס קומען אָן מיט זייערע פאָנען.

עסטער מיט אירע כאַווירים קומען אָן צום פּלאַץ, וואָס איז באַשטימט פאַר די אַרבעטער־קינדער. טויזנטער זיינען שוין פאַר־זאַמלט. עס איז היים, לוסטיק, רוישיק און פול מיט באַגייסטערונג. איצט האָט שוין קיינער פאַר דער פּאָליציי קיין מוירע ניט. אַ־נו, זאָל נאָר עמיצער פּרובירן איצטער די דעמאָנסטראַציע צעשטערן!

עס רייטן דורך פּאָליציאַנטן אַף פערד, עס גייען דורך פּאָליציי־אָפּטיילונגען. זיי צעשטעלן זיך אין יעדן ווינקעלע, אָבער אַרבעטער זיינען דאָ טויזנט מאָל מער.

— אָ, כאַווירים, — קאָן זיך טשאַרלי ניט איינהאַלטן, — זעט נאָר וויפיל!

— נו, עסטער, זעסט שוין וואָס מיר האָבן געהאָלפן שאַפן, — זאָגט רייזל.

עסטער קאָן ניט שווייגן, אירע אויגן ברענען. זי כאַפּט אַרום רייזלען, דריקט איר צו זיך און שרייט פון פרייד.

:: :: ::

די דעמאָנסטראַציע רירט זיך, דורך די דאַונטאַונער גאַסן גייט מען. מען גייט לאַנג, לאַנג, די דעמאָנסטראַציע ענדיקט זיך גאָרניט. פאָרויס גייען טויזנטער מיט פאָנען און פלאַקאַטן, אונטן גייען צענדליקער טויזנטער מיט פאָנען, פלאַקאַטן, אויפשריפטן און בענדער. שוין עפּשער הונדערט גאַסן פאַרביי און די דעמאָנסטראַציע ציט זיך. די אָרקעסטערס שפּילן אַרבעטער-לידער. איין אָרקעסטער ענדיקט, דער צווייטער הויבט אָן. איין גרופּע ענדיקט זינגען, די צווייטע פאַנגט אָן. דאָס געזאַנג הערט נית אויף, גאַנץ ניו יאָרק זינגט. די פּיאָנערן-לידער שטייגן העכער, קלינגענדיקער ווי אַלעמענס, עסטערס קאָל איז נאָך העכער, זי גייט און טראָגט אַ רויטע פאָן, זי גייט און זינגט. מען גייט פאַרביי אַ פאַבריק, די אַרבעטער שטייען באַ די טירן און פענצטער, רופט די דעמאָנסטראַציע— סטרייק, סטרייק!

עסטער שרייט: שעמט זיך, אַרבעטער! אין ערשטן מאַי אַרבעט איר, קומט אַרויס, שליסט זיך אָן, סטרייקט!

מען גייט פאַרביי אַ פּאַבליק-סקול, שרייט מען נאָך העכער. מען רופט אַרויס די קינדער. מען גייט פאַרביי אַ שפּיטאָל, ווערט מען שטיל, די קראַנקע נית צו שטערן. נאָר די קראַנקע ווען סיי ווי דעם גערויש דערהערן. טריט, טראָט, טריט, טראָט, טויזנטער פיס גייען אין טאַקט. פון ביידע זייטן זייטנען די גאַסן מיט פּאָליציי באַוואַכט. ווענט פון פּאָליסלייט. אַרבעטער ווילן זיך אָנשליסן אין צוג, די פּאָליציי לאָזט נית.

באַ אַ ווינקל פון אַ גאַס האָט זיך די דעמאָנסטראַציע אַ ווײַלע פאַרהאַלטן. יוניאָן סקווער איז נאָך נישט געווען אָפּגעליידיקט פון די פּאַטריאָטן, וואַרט מען און מען זינגט. אַן אָנגעפּרעסענער, גראָבער מאַן מיט אַ געשטופּלטן פאָנים שטייט מיט אַ קליין אַמעריקאַנער פאָנעלע פאַר אַ פענ' אין דער האַנט. ער קריכט פון טראָטואַר אַראָפּ, שטופּט עס די קינדער אין די אויגן און זידלט זיך: „אַט די פאָן טראָגט, יו באָלשעוויקעס, יו קאָמיוניסטס, יו רעדס!" דער מאַן בושעוועט, וויל זיך דורכרייסן, מען לאָזט אים נית. ער רייסט זיך אָבער פאָרט דורך, קומט נענטער צו די קינדער, שטופּט זיי דאָס פאָנעלע אין די אויגן אַריין, זידלט זיך און שפּייט. עסטער ווערט אָנגעצונדן, זי לויפט אים אָנטקעגן מיט איר רויטער פאָן אין האַנט. אירע אויגן זיינען גרין. זי גיט אַ פאָכע מיט דער פאָן דעם מאַן איבערן פאָנים, וואַרפט אים זיין פאָנעלע פון האַנט אַרויס, שרייט אויס צו אים: „יו אַר עי קעפּיטאַליסט, יו אַר עי לייער!"

די דעמאָנסטראַנטן אַפּלאָדירן, מען זינגט דעם „אינטערנאַציאָנאַל". די דעמאָנסטראַציע רירט זיך ווייטער, פאָראויס. עסטער טראָגט די פאָן...

דער זיידע האָט דערציילט

(אַ מייסע)

פון א. מייזעל

אין קינדער־שול איז שוין אַלץ געווען גרייט פאַרן ערשטן מאַי: די ווענט באַפּוצט מיט רויטן, די וואַנט־צייטונג—פּאַרטיק, פּלאַקאַטן און אַ רויטע פאָן צוגעגרייט פאַר דער מאָרגנדיקער דעמאָנסטראַציע. איצט איז פּיליפּ מיט זיינע כאַווײרים געגאַנגען צוריק אַהיים. אַפן וועג האָבן זיי געשמועסט.

— זאָל נאָר מאָרגן זיין אַ שיינער טאָג.

— די פּאָליציי זאָל ניט ווילד זיין.

— און אַז ווילד איז וואָס? וועלן מיר קעמפן.

אין שטוב האָט פּיליפּ טאַטע־מאַמען נאָך ניט געטראָפן. זיי זיינען אויך אַוועק צו אַן ערעוו ערשטער־מאַי פאַרזאַמלונג. געזעסן איז דער זיידע.

— נו, מיין רויט־אַרמייערל, ביזט שוין גרייט?

— גרייט! שטענדיק גרייט, זיידע...

— וועסט מיך מאָרגן אַריינגעמען צווישן די קינדער, אַף דער דעמאָנסטראַציע?

— זיכער, זיידע.

— וועל איך טאַקע גיין; און דערפאַר וועל איך דיר דערציילן, ווי אַזוי דער יאָנטעוו איז אַנטשטאַנען, ווי אַזוי מיר האָבן אים צום ערשטן מאָל געפּייערט.

פּיליפּ האָט אָנגעשטעלט די אויערן. אַזעלכע מאַיסעס האָט ער ליב געהאַט צו הערן.

— געווען איז עס מיט 45 יאָר צוריק. איך בין נאָך דאַמאָלסט געווען דאָ אין לאַנד אַ גרינער. פון רוסלאַנד בין איך אַנטלאָפן פון דעם בלוטיקן צאַר, און דאָ האָב איך געאַרבעט אין אַ פאַבריק פון ציגאַרן. מיט מיר צוזאַמען האָבן געאַרבעט אַמעריקאַנער, דייטשן, ענגלענדער, אירלענדער. איינער האָט דעם צווייטנס לאָשן ניט פאַר־שטאַנען. עס האָבן אונז פאַראייניגט צוזאַמען די פאַבריק־ווענט, די קאַסטנס ביטערע ציגאַר־בלעטער, וועלכע מיר האָבן געפּליקט איינגע־בויגן איבער דער אַרבעט יעדן טאָג צוועלף שאָ נאָכאַנאַנד.

אומעטום, אין אַלע פאַבריקן, האָבן אַרבעטער לאַנגע שאָען גע־שקלאָפּט. די באַלעבאַטים זיינען רייך געוואָרן, געוואַקסן אַף אונזער בלוט און שווייס. אָבער ביסלעכווייז האָט זיך עס גענומען רודערן: אַ כאַווער האָט די גרויסע נייעס צו אונז אין פאַבריק געבראַכט: אַ גרויסער קאַמף וועט באַלד אויסברעכן. אַ קאַמף איבערן גאַנצן לאַנד, פון אַלע אַרבעטער. מיר וועלן פאָדערן אַכט שאָ אַרבעט.

דער טאָג פון דעם ערשטן מאַי, יאָר 1886, איז באַשטימט גע־וואָרן אָנצוהויבן דעם גרויסן סטרייק און די דעמאָנסטראַציעס. אַזוי האָט אַן אַרבעטער־צוזאַמענפאָר באַשלאָסן נאָך מיט צוויי יאָר צוריק און מ'האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן. דער נאָמען פון יענער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע איז געווען: „דער פאַרבאַנד פון אָרגאַניזירטע פאַכן און אַרבעטער־יוניאָנס אין די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע". אַ

צו־לאנגער נאָמען, פיליפל. פּרואוו זיך עס ארויסרעדן אין איין אָטעם אויב דו קענסט.

פיליפּ האָט געפּרואווט און טאַקע ניט געקענט.

— נו, איז געקומען דער טאָג פונם ערשטן מאַי. צען אזייגער אינדערפרי זיינען מיר שוין געווען אפן יוניאָן סקווער. פון דאָרט האָבן מיר אוועקגעמארשירט איבער די גאסן פון שטאָט. אפריער זיינען מיר אוועק אין די ארבעטער־גאסן. מיר האָבן געהויבן אינדערהויך אונזערע פאָנען און פלאקאטן, און אויסגערופן שטאָלץ אונזערע פאָדערונגען: אכט שאָ ארבעט, אכט שאָ פארברייננגען און אכט שאָ רו.

נאָכדעם זיינען מיר אוועק איבער די רייכע גאסן. אף דער פינפטער עוועניו זיינען אונזערע באַלעבאַטים אין זייערע פּאלאצן אין טויט־שרעק געזעסן. עס האָבן צו זיי ארויפגעקלונגען אונזערע פאָדערונגען: אכט שאָ ארבעט, אכט שאָ פארברייננגען און אכט שא רו. איר הערט?

— די פּאָליציי האָט אייך גאָר נישט געשטערט?

— זי האָט זיך פארלאָרן. אין עטלעכע טעג ארום זיינען טאַקע די באַלעבאַטים מיט דער פּאָליציי צו זיך געקומען און זיי האָבן זיך אָפּגערעכנט פארן ערשטן מאַי־ סטרייק מיט בלוט.

— וואָס איז געשען, זיידע?

— אין א סאך שטעט זיינען דעמאָלסט דעם ערשטן מאַי פארגעקומען סטרייקס, פּאראַדן און דעמאָנסטראַציעס. העלדישער פון אַלעמען זיינען געווען די שיקאַגער כאַוואירים. דאָרטן האָבן געסטרייקט 50,000 ארבעטער. די מאַי־דעמאָנסטראציע איז געווען א ריזיקע און א שטורעמדיקע. האָבן די באַלעבאַטים פון לאַנד אויסגעקליבן פאַר זייערע קאָרבאָנעס די שיקאַגער היימארקעט־מארטירער. זיי האָבן מיט זייערע לעבנס פארן קאַמף פון ערשטן מאַי באַצאָלט.

פיליפּ האָט שטייף א פויסט צענויפגעדריקט און ניט אנדערש געוואָלט וויסן, וואָס ס'האָט דעמאָלסט אין שיקאַגאָ פּאסירט.

דער זיידע האָט ווייטער דערציילט:

— די פּאָליציי, אויפגעקאָכט פון דער ערשטער מאַי דעמאָנסטראַציע, האָט מיט צוויי טעג שפּעטער געשאָסן אף פּיקעטס. די ארבעטער האָבן פאררופן א פּראָטעסט־פארזאמלונג אף היימארקעט־סקווער. דאָרטן האָט א פּראָוואָקאַטאָר געוואָרפן א באָמבע אף דער פּאָליציי. אף מאָרגן האָט מען ארעסטירט די בעסטע און העלדישסטע ארבעטער־פירער און זיבן פון זיי האָט מען פארמישפּעט צום טויט.

לינג, דער איינגסטער פון אַלע פארמישפּעטע, האָט באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין טפיסע. א צווייטער, שפּיז, איז געשטאַנען אונטער דער טליע און אויסגעשריען: „דאָס קאָל, וועלכן איר גייט דערשטיקן, וועט אין קיינער זיין מעכטיקער, ווי איצט". א דריטער, פּארסאָנס, האָט אָנגעהויבן רעדן צו זיינע הענקער: „זאָל דאָס קאָל פון פאָלק געהערט ווערן!" האָט מען פארצויגן די שטריק און איבערגעהאַקט זיינע ווערטער אינמיטן. ענגעל האָט אויסגעשריען: „זאָל לעבן דער אנארכיזם!" פישערס לעצטע ווערטער זיינען געווען: „זאָל לעבן די סאָציאַלע רעוואָלוציע!"

פיליפּ האָט זיינע פויסטן נאָך שטאַרקער פארדריקט.

— אָט אזוי, פיליפּ, האָבן מיר פאר יענעם ערשטן מאַי מיט בלוט

באַצאָלט. אָבער מיט צוויי יאָר שפּעטער האָבן די אַרבעטער באַשלאָסן אָנהויבן אַ נייעם קאַמף פֿאַרן אַכט־שאָאיקן אַרבעטס־טאָג. ווידער איז דער אָנהויב פֿון קאַמף באַשטימט געוואָרן אַפֿן ערשטן מאַי. אין יאָר 1889 האָט זיך צענויפֿגעקליבן דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס אין דער שטאָט פּאַריז. דאָרט איז דער ערשטער מאַי דערקלערט געוואָרן פֿאַר אַ יאָנטעוו, אַ דעמאָנסטראַציע־טאָג פֿון דעם אַרבעטער־קלאַס אַף דער גאַנצער וועלט. די אַרבעטער פֿייערן זייער יאָנטעוו, אַ טאָג פֿון רויטן קאַמף, שטורעם און אָנזאָג פֿון זיג...

—— —0· ——

זיין ערשטער מאַי פֿייערונג

סאָף אַפּריל. דער וועטער איז גלענצנדער, דער הימל — אַ קלאָרער.

די אַרבעטער גרייטן זיך באַגעגענען דעם ערשטן מאַי. נאָר די פֿאַשיסטן האָבן דערקלערט, אַז זיי וועלן צעשטערן דעם אַרבעטער־יאָנטעוו.

איז אָט: זיינען צום ערשטן מאַי אין פֿלאָרענץ (איטאַליע) אָנגעפֿאָרן פֿון איין זייט אַ סאַך פֿאַשיסטן, פֿון דער צווייטער — אַרבעטער פֿון די אַרומיקע שטעטלעך און דערפֿער.

די פֿאַשיסטן זענען געקומען צופֿאָרן מיטן באַן, אַף אויטאָמאָבילן, און זיינען געווען באַוואָפֿנט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס מיט געווער. די אַרבעטער, וועלכע זיינען געפֿאָרן מיטן באַן, האָט מען באַזוכט, און באַ וועמען מען האָט געפֿונען געווער, האָט מען אַרעסטירט. אַנדערע אַרבעטער האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז מען וועט באַזוכן און האָבן אָפּגענאַרט די פּאָליציי. זיי זיינען אַראָפּ פֿון צוג פֿאַר פֿלאָרענץ און אין שטאָט זיינען זיי געקומען צופֿוס.

נו, איז דאָס געווען אַ דעמאָנסטראַציע!

מאַסן, מאַסן און מאַסן! אָרקעסטערס, געזאַנג, לידער, רויטע פֿאָנעס. באַ די אַרבעטער אַף די לאַצן האָבן זיך געשפּילט קעגן דער זון רויטע שלייפֿן!

אַזוי פֿיל אוילעם אין וועג!

און צווישן אַלעמען, צווישן גרויסן אוילעם מיט פֿאָנעס און געזאַנג, זיינען, פֿאַרשטייט זיך, אויך געווען דזשאַני מיט זיין מאַמען.

עס איז געווען אַזאַ גרויסער אוילעם, אַז די פֿאַשיסטן האָבן מוירע געהאַט זיך צוצורוקן. זיי האָבן דעריבער ניט געשטערט דער דעמאָנסטראַציע, איר ניט פֿאַרשטעלט דעם וועג, ווי זיי טוען עס אַלעמאָל.

נאָכדעם איז געווען אַ גרויסער מיטינג. אַלץ איז געגאַנגען אין אַ גוטער אָרדנונג.

די פֿאַשיסטן האָבן געוואַרט, אַז דער אוילעם זאָל זיך צעקלאַפּן אַף עטלעכע טיילן. ווען עס וועלן זיך אָנהויבן מיטינגען אין עטלעכע טיילן פֿון שטאָט, און דער גאַנצער אוילעם וועט זיך פֿאַנאַנדערגיין איבער די ראַיאָנען... דאַן וועלן זיך די פֿאַשיסטן אַ לאָז טאָן אַף זייערע אויטאָמאָבילן און וועלן בייקומען די אַרבעטער.

אַזוי איז געווען. דער גאַנצער אוילעם האָט זיך פֿון מיטינג צעטיילט אַף קלענערע פֿאַרזאַמלונגען.

דזשאַני מיט זיין מאַמען טערעזע זיינען געשטאַנען צווישן הונ־

דערטער מענטשן און געהערט א רעדע פון אן ארבעטער. פּלוצים איז פון ווינקל ארויסגעשפּרונגען אַ׳ אַניטאַמאַביל מיט אן אַפּטײלונג פאשיסטן אין שווארצע העמדלעך און שווארצע מיצן און האָבן זיך געלאָזט גיין איבער דער גאס. זיי האָבן געזונגען א לידל און מיט שטעקנס אין די הענט האָבן זיי זיך דערנענטערט צו דער ארבעטער־פארזאמלונג.

איינע א פּרוי האָט זיך דערשראָקן און האָט גענומען לויפן. דער רעדנער האָט זיך צעטומלט (דער אוילעם האָט ניט געהערט), נאָר ער האָט נאָך באַוויזן רופן צו אָרדענונג. דערביי האָט ער געזאָגט אַז מען זאָל זיך ניט שלאָגן מיט די פאשיסטן, ווייל זיי האָבן געווער, און די ארבעטער האָבן ניט.

דזשאַני איז, אַפּאַנים, ניט מאַסקים געווען מיטן רעדנער. נעבן זיינע פיס איז געלעגן א קופּע שטיינער. ער האָט א כאַפּ געטאָן איינעם פון זיי און האָט מיט אַלע קויכעס א שליידער געטאָן איין איינעם פון די פאשיסטן. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען זייער עלטסטער.

דזשאַנים האַנט האָט גוט געצילט, און דער שטיין האָט געטראָפן אין פּינטל אריין. דער פאשיסט האָט זיך באַגאָסן מיט בלוט און איז געפאלן.

איידער דער עלטסטער האָט באוויזן צו פאלן, האָט א צווייטער שטיין מעכאַבעד געווען זיין שאָכן, וועלכער האָט אויך געהאַט דעם זעלביקן סאָף. ניט אומזיסט האָט דזשאַני ניין יאָר געפּיטערט כאַזיירים. איידער די פאשיסטן האָבן זיך גערירט פון אָרט, איז געפלויגן א דריטער שטיין און א פערטער.

דאָס האָט געדינט, ווי אַ רוף, ווי א סיגנאַל:

פון אַלע עקן פּלאַץ, פון בענקעטער, פון דעכער, פון געסלאַך האָבן זיך גענומען שיטן אַף די פאשיסטן שטיינער, ציגל, דאַבליקעס. עס האָט געשאָטן אַף זיי ווי א האָגל. זיי האָבן פּרובירט שיסן, אָבער אָן דערפאָלג — די שטיינער האָבן געשמעטערט. א ביסל האָבן זיי זיך געוואַקלט, נאָכדעם געלאָזט זיך צום אויטאָמאָביל און זיינען נעלעם געוואָרן.

צווישן אוילעם איז געוואָרן א פרייד, געזיכטער האָבן געשיינט פון זיג. עמיצער האָט הויך אפן קאָל פארצויגן:

„שטיים אויף, איר אַלע...”

און דער גאַנצער אוילעם, ווי איין מענטש, האָט מיטגעזונגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל”.

טערעזע האָט געזוכט איר אינגל, אין דער צייט פון צוזאַמענשטויס האָט זי אים פארלאָרן.

אהא, אָט איז ער!

זי איז צו אים צוגעלאָפן, אים ארומגענומען און מיט פרייד זיך געגריסט מיט איר זון.

א בעוורע יאַטלאַך האָבן זיי מיט א טומל ארומגערינגלט און דזשאַנין באַגריסט.

און דזשאַני האָט מיט פייער אין יד אויגן זיך געוועגדעט:

— נידער מיט די פאשיסטן!

— זאָל לעבן דער קאָמוניזם!

ערשטער מאַי אין מאָסקווע

פון ב. מאָזער

פון דער ערשטער סטאַנציע ביז דער הויפּט־שטאָט מאָסקווע, אַפן גאַנצן, לאַנגן וועג ציען זיך די דאָזיקע הייסע ווערטער „ערשטער מאַי!”. בא יעדן אָפּשטעל קומען זיי אַנטקעגן. זיי גריסן און דער־ציילן:

אין רויטן לאַנד גרייט מען זיך צו א דריי־טאָגיגן יאָנטעוו. אין קאַפּיטאַליסטן־לאַנד צו גרויסע קאַמפן.

אין רויטן לאַנד גרייט מען זיך צו א דריי־טאָגיקן יאָנטעוו. אין אַנדערע לענדער וועט מען זיך שלאָגן. **אין סאָוועטן־לאַנד וועט די** ארמיי פּייערן דעם אינטערנאַציאָנאַלן ארבעטער־יאָנטעוו מיט פּאַראַדן און מוזיק. אין סוינעס לאַנד וועלן פּראָלעטאַריער זיך גרייטן צו מאַסן־פּראָטעסטן און אָפענע ארויסטרעטונגען.

אין ראַטן־לאַנד וועט קלינגען דאָס ליד פון זיג און פרייד. אין קאַפּיטאַליסטן־לאַנד וועט זיך טראָגן דאָס ליד פון קאַמף און מוט.

:: :: ::

צוויי טעג זיינען נאָך פּאַרבליבן צום ערשטן מאַי.

אָבער מאָסקווע איז שוין גרייט.

וואו מ׳גייט און וואו מ׳שטייט זעט מען סימאָנים פון ערשטן מאַי. אף דעכער פלאַטערן רויטע פאָנען. פון ווענט הענגען אראָפּ אויפשריפטן: א גרוס דעם ארבעטער־קלאַס פון דער גאַנצער וועלט!

— פינף־יאָריקן פּלאַן, אויספירן אין פיר יאָר!

— לעבן זאָל די רעוואָלוציע אף דער גאַנצער וועלט!

— א גרוס די ארבעטער־קעמפער, וואָס שמאַכטן אין די קאַפּי־טאַליסטישע טפיסעס!

— מיר גייען פאָרויס, צום אַנטגילטיקן זיג!

און אַלץ איז איינגעטונקען אין רויט. ברייטע פאָנען באַצירן די הייזער פון דער הויפּט־שטאָט. דאָ און דאָרט שרייבט מען נאָך אַיין די לעצטע עלעקטרישע לעמפּלאַך. שרייבט מען נאָך די לעצטע ווער־טער פון א לאָזונג. דאָ און דאָרט פאַרפאַרטיקט מען די גראָטעסקע פיגורן, וואָס שטעלן פאָר דעם סוינע אין פאַרשידענע פּאָזיציעס.

אָט איז אונזער אַלעמענס א גוטער באַקאַנטער. פּרעזידענט הואָווער פון אמעריקע, שטייט אין דרייען געבויגן און וואַרט אַפן באַפעל פון וואָל־סטריט־מאַגנאַטן.

מעקדאָנאַלד, דער פּרעמיער פון ענגלאַנד, ווי ער פּוצט זיך אין קאַציאַליסטישע פּעדערן און אין דער זייט שטייען ארבעטער און האַלטן זיך בא די זייטן פון לאַכן.

די סאָוועטישע ארבעטער ווייסן ווער זיי זיינען. וועלן זיי זיי געבן אַזאַ באָרעך־האַבע, ווי זיי פאַרדינען.

יאָנטעוו איז שוין באַצייטנס אראָפּגעניטערט. יאָנטעוו אף פּעני־מער, אין הערצער. יאָנטעוו אין היימען, אין פאַבריקן. יאָנטעוו אין שולן, בא דער רויטער ארמיי. אומעטום, איבערן גאַנצן גרויסן לאַנד האָט ער זיך שוין אויסגעשפּרייט און וואַרט אף דער שאָ, ווען ער זאָל א גלאַנץ טאָן מיט זיין פולער פּראַכט.

אָן אָפּטיילונג פּיאָנערן. זיי גייען מיט אַן אָרקעסטער. זיי זינגען. זיי שפּאַנען דרייסט, מיט פייער אין די אויגן. מיט פרייליכן

געמיט. מיט צעפלאָמטע באַקן. זיי גייען אין דער פאַבריק, וואָס האָט דאָס שעפּטום איבער זיי. זיי גייען אַרויסהעלפן צוגרייטן די ערשטע־מאַי אויפשריפטן. די וואַנט־צייטונגען. ראַמען און פּוצן די גרויסע שטאָל־פאַבריק צום גרויסן יאָנטעוו.

:: :: ::

אין אָוונט איז די שטאָט איינגעטונקען אין ליכט. ווי אַ צויבער־מייסעלע זעט זי אויס. אויפן דאַך פון גרויסן טעאַטער דרייט זיך אַ פּראָזשעקטאָר אין אַלע זייטן. ער באַלויכט די גאַנצע געגנט אַרום. און אין דעם ליכט זעט זיך אַזוי פיל פאַרב! אַזוי פיל קאָליר! דאָס אויג ווערט פאַרבלענדט.

אַלע ווײַלע שײַנען אויף עלעקטרישע אויסיעס, עלעקטרישער אָנזאָג, עלעקטרישער קויען.

אַרבעטער גייען שפּאַצירן. מיט ווײַב און קינד איז מען אַרויס אין גאַס באַוואונדערן די שיינע דעקאָראַציע.

„אָט וואָס פון לעני'נס ליכטל איז געוואָרן", זאָגט איינער צום אַנדערן.

„אַהאָ", קומט צוריק אַן ענטפער, „דאָס איז שוין איינמאָל אַ ליכטל. עס מאַכט אונז ליכטיק און דעם סוינע פינצטער. אַ צוויי־פאַכן קויען האָט עס".

„נישקאָשע", רעדט אַ רויט־אַרמייער, וואָס טראָגט זײַן היטל וואויל־יונגעריש פאַרשאַרט אַף אַ זייט. „דאָס ליכטל וועט נאָך באַווײַזן גרעסערע וואונדער. עס וועט נאָך אָנצינדן די וועלט".

אַלע פאַרשטייען, לאַכן צופרידן. זיי גלייבן אין די רייד אַזוי ווי אין אַלץ, וואָס לענין האָט געזאָגט.

די גאַנצע שטאָט איז שוין פול מיט פאָנען און ליכטער. ערשטער־מאַי האָט אויפגעשײַנט מיט גאָרער פרייד.

דער הימל איבער מאָסקווע איז לויטער. זונען־שטראַלן ציען זיך אין לופטן.

אין אָט דעם פרישן ערשטן מאַי־טאָג האָבן זיך דערהערט אָרקעסטער־קלאַנגען. טרומייטערס און פּויקן וועקן אויף פון שלאָף: „קומט אַרויס, איר אַלע וואָס האַלט, אַז ערשטער מאַי איז דעם אַרבעטערס יאָנטעוו!"

גייט מען אַראָפּ אין גאַס. מענטשן. אַ יאַם מיט מענטשן שטייען שוין אויסגעשטעלט איבער אַלע גאַסן. די פאַבריק־אַרבעטער מיט זייערע פאָנען. די פּיאָנערן מיט זייערע. פון די אַרומיקע דערפער זײַנען געקומען פּויערים מיט זייערע באַגריסונגען.

גאַס איין גאַס אויס, מאַכנעס יאָנטעוודיקע.

דער רויטער סקווער איז שוין אַרומגעצאַמט מיט שטריק. די טריבונע לעבן לענינס מאַוזאָליי איז באַדעקט מיט רויטע טיכער.

אָט באַווײַזט זיך קאַלינין. אָט קומט בודיאָני. עס קומען די מיטגלידער פון צענטראַלן קאָמיטעט, פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. סטאַלין איז שוין אויך דאָ.

אַף אַ צווייטער טריבונע די פאָרשטייער פון אויסלענדישע מעלוכעס. זיי טראָגן מאָדנע מונדירן, מיט קאָלערליי מעדאַלן.

אַלע וואַרטן.
מיטאָמאָל, דער זינגער קלינגט: נ ײ ן.
די אָרקעסטערס שפּילן דעם „אינטערנאַציאָנאַל". די ארבעטע־
זינגען מיט. עס גייט דורך אַ ציטער איבערן לייב פון אזא מין געזאַנג.
עם כוואַליעס זיך אַ מעכטיק קאָל. הונדערטער טויזנטער קוילעס
האָבן זיך פאַרייניקט און איצטער דונערט עס איבער גאַנץ מאָסקווע:
„שטייט אויף איר אַלע ווער ווי שקלאַפן..."
ניין. אין אַ לאַנד, וואו מ'קאָן אזוי זינגען דעם „אינטערנאַציאָ־
נאַל", קענען שוין ניט געמאָלט זיין קיין שקלאַפן. און אויב זיי
זיינען ערגעצוואו נאָך פאַראַן אין אַ קליינער צאָל, וועלן זיי מוזן
פון אזא קאָל פאַרטויבט ווערן, אַף אייביק שוין.
און אינמיטן דערינען יאָגט זיך, אַף אַ ווייסן פערד, דער הויפּט־
קאָמאַנדיר פון דער רויטער ארמיי, כאַווער קלים וואָראָשילאָוו.
— אַ גרוס דער העלדישער ארמיי, וואָס פאַרטיידיקט די גרעניצן
פון אונזער ראַטן־לאַנד!
— אַ גרוס אונזער פירער, וואָס ווייסט ווי אזוי אָנצופירן מיט
אונז!
— זאָל לעבן דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל, וואָס פירט
אָן מיט די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען פון דער גאַנצער וועלט!
— אַ גרוס! אַ פלאַמיקן גרוס, כאַווער סטאַלין!
און די קוילעס טראָגן זיך פון איין רעגימענט צום אַנדערן, פון
איין דיוויזיע צו דער אַנדערער. ווי ווייטע עכאָס קומען זיי צוריק
אַהער, אַפן רויטן סקווער.
שטילקייט.
די רויטע ארמיי גיט אָפּ איר רעוואָלוציאָנערע שוואוע.
כאַווער קאַלינין רעדט דייטלאַך יעדעס וואָרט. דער גאַנצער
מאָסקווער גאַרניזאָן זאָגט נאָך. אזוי ווי איין מאַן, רעדן טויזנטער
און טויזנטער.
— מיר זאָגן צו מיטן גאַנצן רעוואָלוציאָנערן פייער צו פאַר־
טיידיקן אונזער לאַנד אַנטקעגן סוינעס אָנפאַל.
און איצט הייבט זיך אָן די דעפילאַדע פאַרן גענעראַל־שטאַב
פון דער וועלט־רעוואָלוציע. אָפּטיילונגען רייטער יאָגן זיך פאַרביי אין
שנעלן גאַלאָפּ. קאַנאָנען און טאַנקס. טעלעגראַף און טעלעפאָן אָפּ־
טיילונגען, מאַשין־געווער און פוסגייער. און אַלע מיט אזא זיכערן
טראָט. מיט אזא גאַלאַנטקייט. מיט אזוי פיל דיסציפּלין. מיט אזוי
פיל שוואונג.
און איינס ווי איינס, יאָטן מיט ברענענדיקע אויגן, מיט געזונטע
האַלז־און־נאַקנס. יונגען ליכטיקע, פול מיט פרייד און גרייטקייט.
ביז צוועלף אזייגער דויערט דער דורכמאַרש פון דער ארמיי.
עס באַווייזן זיך עראָפּלאַנען. איינער און נאָך איינער. און צען.
און הונדערט. און דריי הונדערט שוין. זיי פליען אין לופטן, אזוי
גראַציעז, ווי די פויגל אין אַ זומערדיקן פרימאָרגן. זיי בילדן דעם
סאָוועטישן שטערן און אזוי טראָגן זיי זיך איבער דער יאָנטעוודיקער
רויטער שטאָט.
איבער דעם גרויסן פאַראַד פון די ארבעטער, פון די קאָמסאָמאָלן,
פון די פּיאָנערן.

קאָסטיומען פון פאַרשיידענע סאָוועטישע פעלקער. טענץ פון ווייטע סאָוועטישע שטאַטים. מוזיק און ליד. אויסרוף און באַגייס־טערונג. אַלץ, אַלץ האָט זיך אויסגעמישט אין איין מין, וואָס מ'קאָן ניט אָנרופן באַם נאָמען.

ביז שפּעט אין דער נאַכט האַלטן אָן די דעמאָנסטראַציעס, די סימכעס, די פרייד־אויסברוכן.

דריי טעג דויערט דער יאָנטעוו פון ערשטן מאַי אין לאַנד פון די סאָוועטן. אָבער ווער ס'האָט איינמאָל ביינעוואוינט אַזאַ מין יאָנטעוו, וועט שוין האָבן פרייד פאַר אַ גאַנצן לעבן.



מ אַ י

פון ל י י ב ק ו ו י ט ק אָ

אַ גוט מאָרגן, קינדערלאַך!
נעמט מיך אויכעט מיט.
גרענעצן צעבינדן זיך,
און מע הערט שוין טריט.
אָט אַף אַלע וועגן
שפּאַנט דער מאַי אַנטקעגן!

הערט נאָר גוט זיך איין:
עפּשער ווערט שוין פריי—
אַרבעטער פון ענגלאַנד,
פראַנקרייך און קיטיי.
אַרבעטער פון דייטשלאַנד,
אינדיען און אַמעריקע,
יאַפּאַן און טערקיי.
זיי אין אַלע היימען
גייען מיט אונז איינינעם—
היינט איז אונזער מאַי!

לייענט דעם חודש־זשורנאַל

דער פונק

אָפיציעלער אָרגאַן פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן

רעדאַקטאָר : קלמן מרמר

דער „פונק" אַנטהאַלט אַרטיקלען וועגן אָרדן־
פּראָבלעמען, צייט־פראַגן, מעדיצין און
היגיעניע, אויך פעליעטאָנען, צייכנונגען,
לידער, דערציילונגען, איינאַקטערס, קינדער־
שאַפונגען. דערצו פּראָטאָקאָלן פון דער
נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע און באַריכטן פון
די דיסטריקטן, שטאָט־קאָמיטעטן, ברענ־
טשעס און שולן פון אינט. אַרבעטער־אָרדן.

אין די ערשטע זעקס העפטן האָבן זיך באַטייליגט :

מ. אָלגין, ש. אַלמאַזאָוו, וויליאַם אייבראַמס, נ. בוכוואַלד, ש. גלאַזמאַן, אהרן גראָספעלד, שלמה דאַווידמאַן, רחל האָלט־מאַן (מאָסקווע), לואיס היימאַן, נ. וואַגנער, מ. י. וואַכמאַן, וויליאַם ווייִנער, נחום וויסמאַן, ר. זאַלצמאַן, דר. ה. י. זלאַט־קין, ל. טאַלמי, דבורה טאַראַנט, פּ. טשערנער, פּ. יודיטש, ר. יוקלסאָן, באַוער־פּאַווער, כּאַשמאַל, דר. א. ליין, דר. מאָ־רים לעווים, א. מ. מאַנדעלבוים, ב. מאָזער, חיים מאַרגאָלעס־דאַווידזאָן, קלמן מרמר, משה נאַדיר, פּ. נאָוויק, אייזיק פּלאַטנער, א. פּרינץ, משה פעלדמאַן (מאָנטרעאַל), מ. פּעדער, בצלאל פרידמאַן, יאָסל קאָטלער, נ. קאַמין, נ. קאַמענעצקי, א. קורץ, י. קעניגשטיין, י. א. ראָנטש, נ. שייפער, מ. שיפרים.

פּרייז: אַ יאָר—1 דאָלאַר ; אַ האַלב יאָר—60 סענט
איינצל־נומער—10 סענט

THE SPARK

32 Union Square **New York, N. Y.**

פארלאג:

אינט. ארבעטער-ארדן

[illegible]

פונם אינטערנאציאנאלן ארבעטער ארדן

קינדער

[illegible]

שטאט

[illegible]

אמעריקע

[illegible]

ערשטער מאי

[illegible]

צום נייעם לעבן

[illegible]

7טער נאוועמבער

[illegible]

[illegible]

די אינטערנאציאנאלע ארבעטער-ארדן

[illegible]

[illegible] — פארבאנד [illegible]

[illegible]

א נייע ארבעטער פעסטונג

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

International Workers Order, Inc.

32 Union Square — New York, N. Y.